
אין צושויער -זאל האָבן אלע צוזאמען געזונגען "לאָמיר אלע אינאינעם"


# ירושלים ד׳ליטא

ציַיטונג פון דער יידישער קהילה אין ליטע נומ.7-8 (138-139) אָקטאָבער-דעצעמבער 2004. דערשיינט פון 1989


# דער צווייטער וועלט-קאָנגרעס פון די ליטוואַקעס אַן אמתער יום-טוב פאַר אלעמען

## דער היינטצייטיקער יידיש-קאבארע

דעם וועלטקאָנגרעס פון ליטוואקעס האָבן געמאכט א סיורפריז די אָנטיילנעמערס פון די זיבעטע יידיש-קורסן. זיי האָבן צוגעגרייט א גרויסן עסטראַדע-קאָנצערט, וועלכן זיי האָבן אָנגערופן "היינטצייטיקער יידיש-קאבארע".

די צוהערערס האָבן ענטוזיאסטיש באגעגנט דאָס יידישע וואָרט, וואָס האָט געקלונגען פון דער סצענע-פּאָעזיע און לידער אין דער אויספירונג פון טאלאנטפולע רעציטאטאָרס, זינגערס און מוזיקאנטן פון פארשיידענע לענדער: פּאָלינא בעלילאָווסקי, אביש פיש, חנה פּאָלין און אנדערע.

און, פארשטייט זיך, ווי שטענדיק איז פּרעכטיק ארויסגעטראָטן דער אָנפירער פון קאבארע, דער דירעקטאָר פון יידיש-אינסטיטוט, טעמפעראמענטפולער און אינטערעסאנטער ארטיסט מענדי כהן.